קונטרס

# אמרי מנחם

דברי תורה

## מכ"ק מרן אדמו"ר זי"ע

## פרשת וירא


יו"ל ע"י

מכון אמרי מנחם
וועד להוצאת
ספרי רבינו זצוק"ל
שע"י קהל דברי יחזקאל
שינאווא

גליון י"ב - שנת תשפ"ד לפ"ק

· אידיש ·


כל הזכויות שמורות

## וַיְהִי אַחַר הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה וְהָאֱלֹקִים נִסָּה אֶת אַבְרָהָם וַיֹּאמֶר אֵלָיו אַבְרָהָם וַיֹּאמֶר הִנֵּנִי. וַיֹּאמֶר קַח נָא אֶת בִּנְךָ אֶת יְחִידְךָ אֲשֶׁר אָהַבְתָּ אֶת יִצְחָק וְלֶךְ לְךָ אֶל אֶרֶץ הַמֹּרִיָּה וְהַעֲלֵהוּ שָׁם לְעֹלָה עַל אַחַד הֶהָרִים אֲשֶׁר אֹמַר אֵלֶיךָ.

**א)** אין פרשת לך לך זאגט רש"י אויף די ווערטער **"לך לך - להנאתך ולטובתך"** - אז דער אייבערשטער האט אים צוגעזאגט פארשידענע הבטחות; ווי "ואעשך לגוי גדול וגו'" - וואס ער וועט באקומען אויב ער וועט גיין קיין ארץ ישראל. דארף מען פארשטיין, וויאזוי וועט מען לויט דעם מסביר זיין דעם 'לֶךְ לְךָ' וואס שטייט דא ביי דער עקדה? דא האט ער דאך נישט באקומען קיין שום הבטחה, נאר פארקערט, ער האט דא געדארפט אוועקגעבן זיין טייערסטע זאך, זיין זון יצחק. נו, פארוואס שטייט דא 'לֶךְ לְךָ'?

**ב)** דער מדרש זאגט (ב"ר נה, ז): **"אמר רבי לוי בר חייתא שני פעמים כתיב לך לך, ואין אנו יודעים אי זה חביבה אם הראשונה אם השניה, מן מה דכתיב ולך לך אל ארץ המוריה הוי שניה חביבה מן הראשונה"** - מיר וואלטן נישט געוואוסט וועלכער נסיון איז מער באליבט ביים אייבערשטן, דער נסיון פון 'גלות', גיין קיין ארץ ישראל אדער דער נסיון פון דער עקדה, אבער פון דעם וואס עס שטייט 'אל ארץ המוריה', זעט מען אז דער נסיון פון דער עקדה איז מער באליבט. לכאורה איז דער ענין פון 'באליבט' תלוי אין דער שוועריקייט פונעם נסיון, אז דאס וואס עס קומט אן שווערער פארן מענטש, דאס איז מער באליבט ביים אייבערשטן. נו אויב אזוי, דארף מען פארשטיין: וואספארא הוה אמינא קען דען זיין, אז דער נסיון פון גלות זאל זיין שווערער מקיים צו זיין ווי דער נסיון פון עקדה? עס איז דאך קלאר, אז יעדער מענטש וואלט אנטלויפן צו אן אנדערן לאנד, כדי צו ראטעווען א קינד פון א סכנת מיתה, נו, וואספארא צושטעל איז דער נסיון פון גיין צו א פרעמד לאנד - כלפי דעם נסיון פון שחט'ן אן אייגן קינד?

**ג)** און אויב וועט מען שוין פארשטיין דעם הוה אמינא, אז דער נסיון פון לך לך איז פונקט אזוי שווער ווי דער נסיון פון דער עקדה,

נו, פון וואו איז אויפגעדרינגען פון די ווערטער 'אל ארץ המוריה', אז דער נסיון פון עקדה איז שווערער?

**ד)** רש"י זאגט: **"קח נא - אין נא אלא לשון בקשה אמר לו בבקשה ממך עמוד לי בזה הנסיון שלא יאמרו הראשונות לא היה בהן ממש"** - שטיי ביי דעם נסיון, כדי מען זאל נישט זאגן, אז די פריערדיגע נסיונות זענען גארנישט ווערד געווען. לכאורה איז שווער: אויב אברהם אבינו וואלט חלילה נישט בייגעשטאנען דעם צענטן נסיון, וואלטן צוליב דעם אלע פריערדיגע ניין נסיונות - וואס ער איז יא בייגעשטאנען - פארלוירן זייער חשיבות? פארוואס עפעס זענען אלע נסיונות אנגעהאנגען אין דעם איינעם נסיון?

**ה)** די פרשה פון עקדה ענדיגט זיך: **"וְהִתְבָּרֲכוּ בְזַרְעֲךָ כֹּל גּוֹיֵי הָאָרֶץ עֵקֶב אֲשֶׁר שָׁמַעְתָּ בְּקֹלִי"**. פשוט פשט, מיינט 'עקב' - 'ווייל', אז ווייל דו האסט זיך צוגעהערט צו מיין ציווי, דערפאר וועסטו זוכה זיין אז מען וועט זיך בענטשן אין דיינע קינדער. אבער דער לשון 'עקב' איז אביסל שווער, געווענליך נוצט די תורה דעם לשון 'כי' אדער 'יען', נישט דעם לשון 'עקב'?

**ווען** מען טראכט אריין אינעם נסיון פון 'לך לך', איז לכאורה שווער צו פארשטיין, וואס איז בכלל געווען דער נסיון? דא האט אים דער אייבערשטער צוגעזאגט געלט, קינדער און א גוטן נאמען - אויב ער וועט גיין קיין ארץ ישראל, און דערצו ליידט ער זיך דא צוזאם פון דעם טאטן תרח, נו, פארוואס זאל ער נישט וועלן גיין? אפילו אויב א בשר ודם זאל איינעם פארשלאגן צו גיין ערגעץ און ער וועט אים באלוינען מיט אסאך געלט וכדומה, וואלט א מענטש אודאי געגאנגען! נו, וואס איז דא בכלל געווען דער נסיון?

**נאר** דער אור החיים הק' זאגט דארט, אז דער עיקר נסיון איז טאקע נישט געווען די עצם מעשה פון גיין קיין ארץ ישראל, נאר דער עיקר נסיון דארט איז געווען די **כונה** פון אברהם אבינו, אז כאטש דער אייבערשטער האט אים צוגעזאגט אזעלכע גרויסע הבטחות, זאל ער דאס נישט אינזין האבן, און ער זאל גיין אהין בלויז מיט א ריינע כונה צו מקיים זיין דעם רצון

ה׳; ווי דער פסוק זאגט דארט: ״וַיֵּלֶךְ אַבְרָם כַּאֲשֶׁר דִּבֶּר אֵלָיו ה׳״, אז אברהם איז געגאנגען בלויז ווייל דער אייבערשטער האט אים געהייסן גיין! דאס הייסט, אז די אלע הבטחות האבן אים גארנישט צוגעגעבן צו זיין חשק! ער איז געגאנגען מיטן זעלבן חשק און שמחה - פונקט ווי ווען דער אייבערשטער וואלט אים גארנישט צוגעזאגט!

**אט** דאס איז שוין א גרויסער נסיון, טאקע נישט אין די מעשים, אבער עס איז א נסיון אין מחשבה, אז אברהם אבינו האט געדארפט ארבעטן אויף זיך, צו זיין אזוי ריין לשם שמים, אז ער זאל גיין מיט אזא מין חשק און אזא אהבה ויראה, פונקט ווי עס וואלט נישט געווען דא קיין שום הבטחה! און פארקערט, פאר אברהם האט געאהערט אז מען האט אים צוגעזאגט די הבטחות, וואס דאס מאכט אים שווערער צו מיינען ריין פארן אייבערשטן אן קיין שום פניות.

**מיט** דעם פארשטייט מען שוין די הוה אמינא פונעם מדרש: ״**איני יודע איזה מהן חביבה**״ - איך ווייס שוין נישט וועלכער נסיון איז געווען שווערער, צי דער נסיון פון עקדה - וואס דער פשטות׳דיגער **חלק המעשה** איז אודאי געווען א געוואלדיגער נסיון, אדער דער נסיון פון לך לך - וואס דארט איז דער **חלק המחשבה** געווען אזוי געוואלדיג שווער. ווייל עס קען גאר זיין, אז דער נסיון פון לך לך איז געווען שווערער פאר אברהם אבינו! ווייל אפשר איז לייכטער פאר א צדיק צו טון דאס וואס דער אייבערשטער האט אים באפוילן - שחט׳ן יצחק, ווי שווער עס זאל נאר נישט זיין, ווייל עס איז בכלל נישטא ביי אים אזא צד אז ער זאל טון אנדערש ווי דער אייבערשטער הייסט - ווי איידער צו דארפן ארבעטן מיט זיך אויף דער ריינקייט פון דער מחשבה, גארנישט צו מיינען זיין אייגענע הנאה, און אפילו נישט צו באקומען א משהו מער חשק צוליב די הבטחות. נאר זיין אינגאנצן ארייגעטון בלויז אין מקיים זיין רצון ה׳ - אן געדענקען אפילו אז ער האט באקומען דא א הבטחה.

**פירט** אויס דער מדרש: ״**מן מה דכתיב ולך לך אל ארץ המוריה הוי שניה חביבה מן הראשונה**״ - פונעם ווארט ׳אל ארץ המוריה׳, ווער איך געוואויר אז דער צווייטער נסיון איז שווערער. עס קען זיין פשט אזוי. רש״י

זאגט: **"כי עתה ידעתי - אמר ר' אבא, אמר לו אברהם אפרש לפניך את שיחתי אתמול אמרת לי כי ביצחק יקרא לך זרע, וחזרת ואמרת קח נא את בנך, עכשיו אתה אומר לי אל תשלח ידך אל הנער. אמר לו הקב"ה לא אחלל בריתי ומוצא שפתי לא אשנה כשאמרתי לך קח מוצא שפתי לא אשנה, לא אמרתי לך שחטהו אלא העלהו אסקתיה אחתיה"** - נאך דער עקדה האט אברהם אבינו זיך אויסגעשמועסט מיטן אייבערשטן, ווי שטארק די סתירות זענען דא געווען, אז פון איין זייט זאגט ער אים צו 'כי ביצחק יקרא לך זרע', און פון צווייטן זייט הייסט ער אים שחט'ן, האט אים דער אייבערשטער געענטפערט, אז עס איז בכלל נישט געווען קיין סתירה, ווייל איך האב דיר נישט געהייסן שחט'ן נאר ארויפלייגן אויפן מזבח. קומט אויס, אז אברהם אבינו האט געהאט פארשטאנען אז דער ציווי ה' איז, אז ער זאל אים שחט'ן פאר אן עולה, און ער האט נישט געוואוסט וויאזוי דאס שטימט מיט דער הבטחה פון 'כי ביצחק יקרא לך זרע'.

**קומט** אויס, אז חוץ פונעם נסיון פון טון די מעשה העקדה בפועל, האט אברהם אבינו אויך געהאט דא א געוואלדיגער נסיון אין מחשבה, ווייל ער וואלט געקענט טראכטן בשעת מעשה, אז אפשר וועט יצחק למעשה נישט ווערן געשחט'ן, וויבאלד דער אייבערשטער האט דאך צוגעזאגט 'כי ביצחק יקרא לך זרע', און אפשר איז עס בלויז א נסיון צו זען צי איך בין גרייט אים צו שחט'ן, און אזוי וועט דער אייבערשטער געבן שכר פאר מיר און פאר מיינע דורות; ווי מען זעט טאקע שפעטער, אז דער אייבערשטער האט אים צוגעזאגט: "כי ברך אברכך והרבה ארבה את זרעך וגו'". אבער טאמער וואלט אברהם אזוי געטראכט ביי זיך, וואלט דאך דער גאנצער מעשה העקדה פארלוירן דעם חשיבות, ווייל עס וואלט נישט געווען בלב שלם.

**אברהם** אבינו האט אבער געוואוסט אז ער טאר נישט טראכטן אזעלכע מחשבות, ווייל דער רצון ה' איז יעצט אז ער זאל טון וואס מען האט אים געהייסן אן קיין שום חשבונות און קושיות. דעריבער האט אברהם אבינו געארבעט אויף זיך במחשבה, נישט אריינצולאזן אין זיך קיין שום 'צד ספק' אינעם ציווי פון דער עקדה, נאר צו זיין אינגאנצן זיכער אז ער גייט יעצט שחט'ן זיין איינציג קינד יצחק, און ער איז געגאנגען מיטן גאנצן חשק

און הארץ, ווי רש"י זאגט: "**וילכו שניהם יחדיו - אברהם שהיה יודע שהולך לשחוט את בנו היה הולך ברצון ושמחה כיצחק שלא היה מרגיש בדבר**". און דאס איז געווען א גרויסער נסיון אין דער ריינקייט פון דער מחשבה און הארץ.

**נאכמער**, נישט בלויז האט אברהם אבינו געזען א סתירה צווישן די צוויי דיבורים, און ער האט נישט געוואוסט וועלכער דיבור וועט מקויים ווערן באופן פשוט, דער 'והעלהו לעולה' אדער דער 'כי ביצחק יקרא לך זרע', נאר עס גייט נאך אסאך ווייטער! ווייל אינ'אמת'ן האט אברהם אבינו געוואוסט ביי זיך, אז צום סוף וועט יצחק למעשה נישט ווערן גע'שחט'ן; ווי דער נועם אלימלך (בפרשתן ד"ה ויאמר הנה האש) זאגט, אז ווען אברהם האט געזאגט 'ונשובה אליכם' האט ער קלאר געוואוסט אז יצחק וועט צוריק קומען און ער וועט נישט ווערן גע'שחט'ן. קומט אויס, אז עס איז נישט געווען 'בדרך ספק' - נאר 'בדרך ודאי', וואס ער האט קלאר געוואוסט אז דער 'והעלהו לעולה' וועט נישט ווערן מקוים באופן פשוט. און פונדעסטוועגן דאך - זאגט דער נועם אלימלך - האט אברהם אבינו אזוי שטארק געארבעט מיט זיך, אז ער האט נישט אריינגעלאזט אין זיין מחשבה די 'ידיעה ודאית' אז יצחק וועט נישט ווערן גע'שחט'ן, נאר ער האט געטראכט כאילו מען גייט יעצט יא אמת'דיג שחט'ן יצחק, און פארלירן זיין איינציג קינד, און דאך איז ער געגאנגען ברצון ובשמחה!

**פון** וואנעט האט טאקע אברהם געוואוסט, אז למעשה וועט יצחק נישט ווערן גע'שחט'ן, אז ער האט געקענט זאגן מיט אזא זיכערקייט 'ונשובה אליכם'? עס קען אפשר זיין אז דאס האט ער פארשטאנען פון די ווערטער וואס דער אייבערשטער האט אים געזאגט: "אל ארץ המוריה". ווייל די גמרא זאגט (תענית טז.): "**מאי הר המוריה וכו' הר שיצא ממנו הוראה לישראל**" - דער גאנצער נאמען 'הר המוריה' ווייזט אויף די 'הוראה' וואס איז ארויסגעקומען פאר אידן פונעם לשכת הגזית. קומט אויס, אז אין די ווערטער, האט אברהם אבינו געהערט אז עס וועט נאך זיין א תורה אויף דער וועלט, און פון דעם האט ער שוין פארשטאנען אז עס וועט זיכער זיין א יעקב אבינו; ווי עס שטייט (מיכה ז, כ): "תתן אמת ליעקב" - די תורה ווערט אנגערופן 'אמת', און יעקב איז דער יסוד פון דער גאנצער תורה! אן קיין

יעקב איז נישטא קיין מתן תורה! אויב אזוי, אז עס וועט זיין א יעקב אבינו - האט שוין אברהם פארשטאנען, אז דער יצחק וועט זיכער נישט ווערן גע'שחט'ן, ווייל עס דארף דאך נאך ארויסקומען פון אים א יעקב אבינו. און פון דעם האט שוין אויך אברהם פארשטאנען, אז דער 'לך לך' וואס דער אייבערשטער האט אים **דא** געזאגט, מיינט טאקע 'להנאתך ולטובתך', אז ער וועט ארויסגיין מיט אזא געוואלדיגע הבטחה פון 'כי ברך אברכך'.

**קומט** אויס, אז דער נסיון פון מחשבה וואס איז געווען ביי דער עקדה, גייט נאך ווייטער ווי מען האט פארשטאנען פריער. ווייל נישט בלויז אז אברהם האט געזען א סתירה און געהאט א 'ספק' וועלכער דיבור וועט מקוים ווערן, 'כי ביצחק יקרא לך זרע' אדער 'והעלהו לעולה', און נישט בלויז אז ער האט געוואוסט 'בודאי' אז יצחק וועט למעשה נישט גע'שחט'ן ווערן - ווי דער נוע"א זאגט - נאר דא איז געווען נאך אסאך מער: אינעם זעלבן דיבור וואס דער אייבערשטער הייסט אים גיין שחט'ן יצחק - דארט גופא זאגט ער אים 'ארץ המוריה', אז עס וועט זיין א יעקב אבינו - וואס דאס מיינט, אז יצחק וועט נישט גע'שחט'ן ווערן. און אזוי אויך, אינעם זעלבן דיבור גופא זאגט ער אים 'לך לך' - להנאתך ולטובתך, וואס דאס ווייזט, אז יצחק וועט נישט ווערן גע'שחט'ן און מען וועט נאר ארויסגיין מיט ריוח דערפון. נו, וואלט דאך אברהם אבינו געקענט אננעמען דעם גאנצן דיבור אויפאיינמאל, דאס הייסט, ער זאל טאקע טון בפועל דעם ציווי ה' און טראגן יצחק'ן צו דער עקדה ברצון ובשמחה, אבער אין הארץ וואלט ער געקענט טראכטן: "איך בין טאקע מסכים בלב שלם צו שחט'ן יצחק פארן בורא כל עולמים, אבער איך בין נישט באזארגט אז דאס וועט למעשה געשען! יצחק וועט סייווי בלייבן לעבן!". אבער אברהם אבינו האט זיך באפרייט פון די אלע מחשבות און ידיעות, און עס האט נישט אויסגעמאכט ביי אים קיין 'כי הוא זה'! די גאנצע מחשבה זיינע און אלע חושים זענען געווען אריינגעטון בלויז אינעם 'והעלהו שם לעולה' - נישט אינעם 'ארץ המוריה', און נישט אינעם 'לך לך'! ער איז געלאפן צו דער עקדה מיט אזא אהבה און יראה, מיט אזא תשוקה און שמחה - אן אריינמישן קיין שום אנדערע מחשבה! ער האט ממש געטראכט אז יעצט גייט מען באמת שחט'ן יצחק! אט דאס איז שוין געווען א מורא'דיגער נסיון בפנימיות, צו זיין א בעל הבית אויפן שכל און

אויף די מחשבה, צו טראכטן און שפירן בלויז וויאזוי דער אייבערשטער וויל.

**מיט** דעם פארשטייט מען שוין זייער גוט דעם מדרש. קודם האט דער מדרש געפרעגט 'איני יודע איזה מהם חביבה', ווייל פון אויבנאויף זעט אויס, אז דער נסיון פון עקדה איז געווען בלויז א שוועריקייט פון 'מעשה' - זיך צו ברעכן די טבעיות'דיגע 'אהבת אב לבן' און שחט'ן יצחק (כאטש ביי דער עקדה שטייט אויך 'לך לך', וואלט אברהם נישט אפגעלערנט אז דאס מיינט 'להנאתך ולטובתך', ווייל אויב מען איז בפועל מקריב יצחק, איז דאך נישט שייך צו זאגן 'להנאתך ולטובתך'), און דער נסיון פון 'לך לך' איז געווען א נסיון פון מחשבה - צו מיינען ריין לשם שמים, און נישט פאר דער אייגענע הנאה, וואס אין א געוויסן זין קען אפשר זיין אז דאס איז א נאך א שווערערע נסיון ביי א צדיק. אבער איינמאל עס שטייט 'ארץ המוריה', וואס מיט דעם האט דער אייבערשטער געזאגט בתוך כדי דיבור, אז יצחק וועט למעשה נישט גע'שחט'ן ווערן - אויב אזוי איז אודאי די עקדה געווען א גרעסערע נסיון, ווייל דא איז דאך קודם געווען א מורא'דיגן 'חלק המחשבה', נישט צו טראכטן פון די אלע סתירות און ידיעות ברורות וואס ווייזן אז יצחק וועט נישט גע'שחט'ן ווערן, נאר גיין צו דער עקדה מיט דער גאנצער תמימות, און טון דעם חלק המעשה צו גיין יעצט שחט'ן יצחק ווי דער אייבערשטער האט געהייסן און זיין בשמחה מקיים צו זיין דעם רצון ה'.

**עס** איז דאך באקאנט דער יסוד פונעם **רמב"ן** (בראשית יב, ו) אז "**מעשה אבות סימן לבנים**", אלץ וואס די אבות הקדושים זענען דורכגעגאנגען, איז א שורש פון וואו יעדער איד קען שעפן כוחות און חיות זיך צו מחזק זיין אין זיינע נסיונות אין אלע דורות. עס קען אפשר זיין, אז די צען נסיונות פון אברהם אבינו זענען אויסגעשטעלט לויטן סדר הדורות - די פריערדיגע נסיונות זענען קעגן די פריערדיגע דורות, און די שפעטערע נסיונות זענען קעגן די שפעטערע דורות. לויט דעם קומט אויס, אז דער לעצטער נסיון פון דער עקדה, איז קעגן די נסיונות פון אונזער דור, וועלכער איז שוין דער לעצטער דור פאר ביאת המשיח. און לויט ווי מען האט מסביר געווען דעם נסיון העקדה, אז דאס איז געווען א נסיון פון 'סתירות', קען מען עס היינט זייער גוט פארשטיין. ווייל מען זעט דאך היינט, אין וואספארא 'הסתר פנים'

מען לעבט נעבער, און עס איז פארהאן אזויפיל קושיות און סתירות: פון איין זייט איז דער רצון ה׳ אז א איד זאל זיין הייליג און ערליך, און פון צווייטן זייט, זעט מען אז דוקא דער ערליכער איד מוטשעט זיך אין פארשידענע ענינים, וכדומה. און דערפאר הייסט אונזער דור ׳עקבתא דמשיחא׳, ווייל דער ׳עקב׳ איז דאך דער אונטערשטער חלק פון די פוס, וואס דאס ווייזט, אז דאס איז ווייט בתכלית הריחוק פונעם קאפ און שכל, דאס הייסט, אז מען קען נישט פארשטיין און משיג זיין דעם הנהגת ה׳ מיטן שכל, נאר מען מוז טון דעם רצון ה׳ מיט א געוואלדיגע תמימות.

**דער** כח דורכצוגיין די אלע היינטיגע נסיונות, איז פון דעם כח פון אברהם אבינו ביי דער עקדה, אז כאטש ער האט געהאט קושיות און סתירות, האט ער נישט געקוקט אויף גארנישט! עס האט אים גארנישט אינטערעסירט - נאר רצון הבורא! דער אייבערשטער הייסט שחט׳ן, איז ער געלאפן מיט א התלהבות שחט׳ן, און אלעס אויסער דעם איז גארנישט מיט נישט! אט דער כח קען מחזק זיין יעדן איד אינעם לעצטן דור - נישט צו קוקן אויף קיין שום קושיא און סתירה, נאר דינען דעם אייבערשטן מיט א תמימות און ׳ברצון ובשמחה׳.

**מיט** דעם פארשטייט מען די ווערטער פון רש״י: **״עמוד לי בזה הנסיון שלא יאמרו הראשונות לא היה בהן ממש״** - דאס גייט ארויף אויפן לעצטן דור, אז זיי וועלן האבן אזעלכע סארט נסיונות פון ׳סתירות׳, וואס זיי וועלן זיך נישט קענען געננוג מחזק זיין מיט די אלע ניין נסיונות פון פריער, ווייל ביי די אלע פריערדיגע נסיונות איז נאכנישט געווען אזא שטארקע סתירה מיניה וביה, ווי עס איז געווען דא! ממילא - האט דער אייבערשטער געבעטן פון אברהם אבינו - ׳עמוד לי בזה הנסיון׳, שטיי ביי דעם לעצטן נסיון, כדי דער לעצטער דור זאל קענעןביישטיין זייערע נסיונות פון סתירות און קושיות וואס וועט דעמאלט זיין, און אזוי ארום וועלן זיי קענען טון דעם רצון הבורא אן קיין חשבונות.



**נאכדעם** וואס אברהם אבינו איז טאקע בייגעשטאנען דעם נסיון און געבראנגט יצחק אויף דער עקדה, האט אים דער אייבערשטער צוגעזאגט: ״**כִּי בָרֵךְ אֲבָרֶכְךָ וְהַרְבָּה אַרְבֶּה אֶת זַרְעֲךָ כְּכוֹכְבֵי הַשָּׁמַיִם וגו׳**

**וְהִתְבָּרְכוּ בְזַרְעֲךָ כֹּל גּוֹיֵי הָאָרֶץ 'עֵקֶב' אֲשֶׁר שָׁמַעְתָּ בְּקֹלִי"**. עס קען זיין אז דער עיקר ברכה פאר די דורות וואס ער האט דא באקומען, איז טאקע אויף דעם דור, אז זיינע קינדער אינעם לעצטן דור זאלן זיך קענען האלטן אינעם נסיון פון קושיות און סתירות - דורכדעם וואס זיי וועלן זיך אנכאפן אינעם כח פון דער נסיון העקדה וואס זייער טאטע אברהם איז בייגעשטאנען - וועלכע איז אויך געווען א נסיון פון 'סתירות'. און דערפאר נוצט דא דער פסוק דעם לשון 'עקב', צו ווייזן אויף דעם דור פון 'עקבתא דמשיחא', וואס זיי וועלן נישט קענען פארשטיין וויאזוי מען פארענטפערט אלע סתירות, און אויף זיי האט אים דער אייבערשטער געגעבן א הבטחה פון 'כי ברך אברכך' און 'והתברכו בזרעך כל גויי הארץ', אז אידן וועלן האבן די כוחות זיך צו דערהאלטן אין די אלע נסיונות.

## דברי כיבושין

**[דער** אויבערשטער האט געזאגט]: "בבקשה" אז דו זאלסט טון **דאס**, "עמוד בנסיון זה", [ווייל] אז טאמער נישט, וועט מען זאגן "על הראשונים שאין בהן ממש". 'דעם נסיון' זאלסטו וויסן, דאס דארף איך האבן פארן כלל ישראל ביז משיח וועט קומען! נאר **דער** נסיון וועט מיך ראטעווען! אלע אנדערע נסיונות איז נישט אזוי [געגנוג חיזוק] פארן [לעצטן] דור צו ראטעווען - ווי דער נסיון, אז אידן זאלן נישט קיין קשיות האבן, נאר מען זאל טון דעם רצון הבורא אן חשבונות. עמוד לי בזה, און מיט דעם וועסטו מזכה זיין דיינע קינדער! "כי ברך אברכך".

**[און** פארקערט] זאלסטו וויסן, אז טאמער דו וועסט נישט האבן דעם נסיון מוריש זיין פארן כלל ישראל, איז [דאס] די ערשטע [ירידה], ווייל דאס וועט זיין דער נסיון פון עקבתא דמשיחא! דאס וועט זיין דער גרעסטער נסיון! און אפילו זיי וועלן ביישטיין די פריערדיגע נסיונות, אבער חלילה

[אויב וועלן זיי דורכפאלן אין דעם, איז גארנישט ווערד די איבריגע! ווייל] דאס איז דאך דער עיקר [און] דער יסוד.

**היוצא** לנו מזה: דער גרעסטער נסיון, דער צענטער נסיון, "קח נא" דאס איז אן עבודה! און דאס איז דער דור פון עקבתא דמשיחא. אונז טאקע בדור הזה, די צדיקי הדור זענען דאך נעבעך ווייניג דא, [היינט זענען מיר דאך] קליינע מוחות און קליינע בעלי השגות, און מען האט נישט קיין שום כוחות וויאזוי זיך מתגבר צו זיין, זיך [צו] קענען דערהאלטן, וואס מען זעט נעבעך דעם הסתרת פנים, און נעבעך אזויפיל [פאלן אוועק פון אידישקייט צוליב דעם]; אזוי ווי [עס שטייט] אין קאפיטל ע"ג אין תהלים[א], איז אויפדעם איז דער דור געשטעלט געווארן, אז מען זאל טון דעם רצון הבורא בבחינות 'נישט פארשטיין'.

**מען** דארף וויסן: די סתירה איז נאר פאר די אויגן, [עס איז בלויז א] פארבלענדעניש פאר די אויגן! [אבער] דער מציאות איז דאך [די] אמונה, [אז] "לית אתר פנוי מניה", "עשה ועושה ויעשה לכל המעשים" - אלעס! דאס איז דער מציאות האמיתי! נאר וואס דען? די 'סימת עינים' [און] דער 'הסתר פנים' דאס טוט שווער מאכן.

**קען** מען פארשטיין, אז אידישע קינדער טוען היינט א מצוה אין אזא הסתר, אז די מצוה האט א חשיבות וואס האט נישט קיין שיעור און קיין ערך! לגבי ראשונים אפילו - איז די מצוה היינט פון א איד, האט אין זיך א מין חביבות א מורא'דיגן! במילא, אז מען פרעגט אמאל: פארוואס איז נישט געווען די גאולה שלימה [ביז היינט]? זעט אויס, [אז] די 'עקביים' מאכט דעם חשיבות המצוה! און מען דארף האבן אזעלכע מצוות וואס די ראשונים האבן נישט געהאט! זיי האבן געהאט השגות אין תורה און מצוות, א חיות אין א דאווענען, א חיות אין א לערנען! [אבער] דער חביבות [למעלה] איז טאקע [דוקא] אז עס קומט פון די 'עקביים', "עקב אשר שמע בקולי" - דאס האט א חשיבות.



---

א שם פסוק י': "לכן ישוב עמו הלום ומי מלא ימצו למו". ובמצו"ד: "בעבור רוב שלות הרשעים עם גודל רשעתם וכו' דעותיהם נמשך אחר מעשה הרשעים".

**ממילא,** יעדער איד אין וואספארא מצב ער איז, [אז] ער קומט דאווענען, ער זאגט א שטיקל תהלים, ער לערנט א שיעור - האט מען נישט קיין השגה [ווי גרויס דאס איז]. [צי] מען זעט יא, צי מען זעט נישט, [צי] מען פילט נישט, צי מען פילט יא, די זאכן איז נישטא! דאס איז דער מציאות! עס שטייט פון רבי חיים וויטאל[ב], אז יעדע זאך און יעדע נדנוד וואס א איד טוט **היינט**, האט דאס א חשיבות, א געוואלדיגן חשיבות.

**דער** אויבערשטער זאל העלפן אונז זאל מיר טאקע קענען זיך מחזק זיין און זיך מתגבר זיין אין די תורה הקדושה, און אין מצוות און מעשים טובים, און 'אמונה שלימה' - וואס דאס איז דער עיקר, [ווי עס שטייט]: "בזכות אמונה נגאלו". זאל מען זוכה זיין צו די גאולה שלימה במהרה בימינו אמן.

ב שער הגלגולים פרק לח.

## דיבורים וסיפורים - ממה שסיפר תחת השיחים במשך השנים

**הרה"ק רבי שלום מ'קאמינקא זי"ע - כ' מרחשון תרי"ב לפ"ק**

### הויכע סודות אינמיטן שיילן קארטאפל

**רבי** שלום קאמינקער מיטן צאנזער רב זענען געווען נאנטע חברים, ביידע זענען געווען תלמידים פונעם ראפשיצער רב זי"ע. נאכן הסתלקות פון ראפשיצער רב זענען זיי געגאנגען זוכן א נייעם רבי'ן, זענען זיי ביידע אריינגעפארן צום ערשטן בעלזער רב דער שר שלום זי"ע. ווי די רעביצין הצדיקת מלכה (זי איז געווען א גרויסע מענטש און צדיקים האבן איר גערופן 'מלכי צדק') האט דערזען די צוויי יונגעלייט, האט זי געוואלט אז דער בעלזער רב זאל זיי אריינבאקומען פאר חסידים. האט זי אים געזאגט: "זעה, רעד מיט זיי עפעס אזוינס (העכערע דיבורים)". האט דער בעלזער רב זיי געזאגט, אז זיי זאלן שפעטער אריינקומען צו אים שמועסן. שפעטער ווען זיי זענען אריינגעגאנגען צום בעלזער רב, האט ער גערעדט מיט זיי היבש לאנג.

**ווען** זיי זענען ארויסגעקומען, האט די רעביצין געוואלט וויסן וויאזוי די דיבורים האבן אויפגעטון אויף זיי, האט זי אונטערגעשיקט איינער פון די בעלזער חסידים, און ער האט זיי געפרעגט: "נו, וואס זאגט איר צו דעם שמועס?". האבן זיי געענטפערט: "מיר געדענקען ווען מיר האבן געשיילט בולבעס (קארטאפל) אויף פסח אין ראפשיץ, איז דער ראפשיצער רב דארט דורכגעגאנגען און אונז אריינגערוימט אין אויער אט די דיבורים כלאחר יד!".

### נישט גענומען קיין אנדערן רבי'ן

**לאחר** הסתלקותו פונעם ראפשיצער רב, פלעגט דער ראפשיצער רב זיך אסאך מגלה זיין צום צאנזער רב, אבער דער קאמינקער רב האט נישט געהאט אזוי קיין התגלות. האט ער געהאט דערפון אביסל חלישות הדעת, האט ער געפרעגט פונעם צאנזער רב: "פארוואס איז זיך דער רבי מגלה נאר צו דיר און נישט צו מיר?". האט דער צאנזער רב געענטפערט:

"ווייל דו האסט דיר גענומען אן אנדערן רבי'ן (דער בעלזער רב דער שר שלום), אבער איך האב זיך ווייטער געהאלטן ביים אלטן רבי!".

### משיח וואלט געהאט מיט וועמען צו שמועסן...

**דער** ראפשיצער רב האט געזאגט אויף זיינע צוויי תלמידים, דער צאנזער רב און ר' שלום קאמינקער: "ווען משיח קומט יעצט, וואלט איך געהאט פאר אים יונגעלייט מיט וועמען צו שמועסן אין לערנען".

### יעצט מיין איך עס ערנסט...

**דער** צאנזער רב און דער קאמינקער רב זענען אמאל געזעסן און געשמועסט, האט דער קאמינקער רב געזאגט: "ווען משיח וועט קומען, וועסטו זיין דער רבי פונעם דור און איך וועל זיין דער פוסק הדור", און דער צאנזער האט געזאגט: "ניין דו וועסט זיין דער רבי און איך וועל זיין דער פוסק". האט דער קאמינקער רב געזאגט: "ניין, עס קען נישט זיין!". האט דער צאנזער רב געפרעגט: "פארוואס זאגסטו אזוי?". האט ער אים געענטפערט: "איך וועל דיר זאגן, ווען מיר זענען אמאל געווען אין קרעניץ אויף קור, האבן מיר געהאט שטיבלעך איינער קעגנאיבער דעם אנדערן, ביינאכט האב איך דיר געהערט ליינען קריאת שמע שעל המטה, האסטו געזאגט: "**אני מאמין באמונה שלימה, חיים, דו האסט דאך נעכטן אויך אזוי געזאגט? אבער ניין, איך זאג דיר רבונו של עולם יעצט מיין איך עס ערנסט!**", און דו האסט נאכאמאל געזאגט: "חיים, דו האסט דאך נעכטן אויך אזוי געזאגט? אבער ניין, יעצט מיין איך עס ערנסט!". און אזוי האסטו מיר ארויסגעווארפן פון בעט און איך האב שוין נישט געקענט שלאפן. נו, אויב אזוי וועסטו זיין רבי!".

### קיינעם נישט אויסגענארט

**דער** קאמינקער רב האט אמאל געזאגט בדרך צחות (כדרכו בקודש): "ווען עס קומט זייגער צוויי ביי דער נאכט, און איך פארמאך די לאָדענעס (צו פארדעקן די פענסטער), מיינט דער עולם אז איך גיי שוין שלאפן. און דער אמת איז, אז איך גיי **טאקע** שלאפן...".

**הרה"ק מבעלז - רבי ישכר דוב בהרה"ק רבי יהושע זי"ע - כ"ג מרחשון תרפ"ז לפ"ק**

### די בעלזער יושבים וואלטן נישט מקפיד געווען

**דער** בעלזער רב האט פארציילט אויפן רבי'ן ר' שמעלקא, אז ווען ער האט געזאגט די שירה, האט זיך דער עולם אויפגעהויבן די כאלאטן, ווייל עס האט זיך זיי ממש געשפירט ווי זיי גייען יעצט אריבער דעם ים סוף, און זיי האבן נישט געוואלט אז די בגדים זאלן נאס ווערן. ווען דער בעלזער רב זי"ע האט פארציילט די מעשה, האט ער צוגעענדיגט בדרך צחות: "מיינע קאַטשעלאַבעס (כאניאקישע יונגעלייט), וואלטן געלאזט די בעקיטשעס נאס ווערן...".

### אים ארויפגעזעצט אויבן

**מיין** טאטע זצ"ל איז נאך אלס בחור געווען ביים בעלזער רב. דער בעלזער רב איז געזעסן אויבנאן, און פון פארנט איז געווען א טיש מיט חסידים און זקנים, און אין דער זייט איז געווען א באנק פאר אנדערע אנשים חשובים און פאר בחורים רבי'שע אייניקלעך. האט זיך דער טאטע געזעצט דער לעצטער אויפן באנק. ווען דער בעלזער רב איז אריינגעקומען צום טיש זיך צו גיין וואשן, האט ער געהאלטן דעם האנטוך אין דער האנט, איז ער צוגעגאנגען צום טאטן און מיטן האנטוך אים אזוי געקלאפט אויף דער פלייצע און געווינקען אז ער זאל זיך רוקן ארויפצו, און וויפיל ער האט זיך גערוקט, האט ער אים ווייטער געקלאפט און ארויפגעשטופט, ביז ער איז אנגעקומען צום אנפאנג באנק און געזעסן דער ערשטער. צדיקים האבן שטארק מקרב געווען דעם טאטן, ביים ראזוואדובער רב ר' הערשעלע זי"ע איז ער אויך געווען שטארק מקורב.

### א השגה פון פריסטיקער רעביצין

**נאכן** הסתלקות פונעם דברי יחזקאל זי"ע, זענען אלע שינאווער קינדער געפארן צום בעלזער רב זי"ע.

**דער** פריסטיקער רב ר' מענדעלע זי"ע איז אמאל געווען שטארק נישט געזונט, און די פריסטיקער רעביצין האט אים מזכיר געווען פארן

בעלזער רב און דערביי געגעבן א טלית פאר א פדיון. האט זי געזאגט: "איך וויל דער רבי זאל צוזאגן א רפואה". האט ער געענטפערט: "אין בעלז האט מען נישט צוגעזאגט". האט זי זיך אנגערופן: "אויב אזוי איז דער טלית 'גזילה'...". האט זיך דער בעלזער רב אנגערופן צו זיינע ארומיגע: "עטץ הערט וואס דא טוט זיך...?" (ווי איינער זאגט: האט עטץ שוין אמאל געזען א רעביצין מיט אזעלכע סארט השגות). און ער האט איר טאקע צוזאגט א רפואה.

### דער טאטע האט מיך געמיינט

**ווען** דער בעלזער רב רבי יהושע'לע זצ"ל איז נסתלק געווארן, איז נישט געווען קלאר ווער עס וועט זיין דער ממלא מקום. דער עלטסטער זון איז געווען דער סקאהלער רב זצ"ל, ער איז געווען א גרויסער גאון און אן איידעם ביי הרה"ק ר' מענדעלע וויזניצער זצ"ל, און דער צווייטער זון איז געווען הרה"ק ר' ישכר דוב זצ"ל. א גאנצע וואך איז מען דאך געזעסן שבעה, ממילא איז דאך נישט געווען שייך צו זען ווער עס נעמט איבער די הנהגה. ווען עס איז געקומען צו מנחה ערב שבת, איז רבי ישכר דוב צוגעגאנגען צום עמוד און אנגעהויבן מיטן בעלזן נוסח: "דער טאטע האט מיך געמיינט, הודו לה' כי טוב...". און מיט דעם האט זיך די זאך געשלאסן...

#### הרה"ק רבי נפתלי בהרה"ק רבי אלעזר מליזענסק זי"ע - כ"ה מרחשון תקצ"ט לפ"ק

**רבי** נפתלי ליזענסקער זצ"ל האט געהאט א זון[ג] וועלכער איז געווען ביים ריזינער זצ"ל. פרעגט ער אים: "ווער זענט איר?". האט ער געענטפערט: "רבי נפתלי ליזענסקער'ס זון!". האט ער זיך אנגערופן: "אה, מיר קענען אים דאך!". ווען ער איז אהיימגעקומען האט ער דערציילט פארן פאטער די מעשה, האט ער געזאגט: "אזוי האט ער געזאגט? אויב אזוי מוזן מיר אריינפארן צו אים!". איז רבי נפתלי ליזענסקער געפארן צום ריזינער. שפעטער ווען ער איז אוועקגעפארן פון דארט, האט רבי נפתלי ליזענסקער געזאגט: "איך האב אים געזען (משיג געווען) ביז צו דער נאז, אבער איך האב זיך אראפגעצויגן דעם קאפעלוטש (בדרך משל) און ער האט מיך גארנישט געזען!".

---

ג רבי משולם זושא זצ"ל.